גייט אויף דעם ענין פון מלכות, און דער ו׳ גייט אויף דעם ענין פון ז"א, און דער א׳ גייט אויף דעם ענין פון כתר, אדער דער ענין פון בינה, ווארום בינה איז דאך דער כתר צו ז"א.

און אין דערויף דארף מען אויך האבן דעם ביאור וואס איז דער "בכך" דערפון אין עבודת האדם. וכפי שיתבאר לקמן.

כה. בנוגע צו פרקי אבות - וועט מען זיך אפשטעלן אויף א משנה אין פרק שני, וואס דאס איז דער פרק פון היינטיקן שבת. ובהקדים:

אין פרקי אבות בכלל, ובפרט אין די ערשטע פרקים, זעט מען די הדגשה אין דעם ענין פון "שלשה דברים". אנהויבנדיק גלייך פון די ערשטע משנה: "הם אמרו שלשה דברים", וואס דאס איז בנוגע צו <u>תורה</u>, און דערנאך איז ער ממשיך אין דער צווייטער משנה בנוגע צו <u>עולם</u>: "על שלשה דברים העולם עומד", ועד"ז בסיום פון פרק ראשון: "על שלשה דברים העולם קיים".

עד"ז אין פרק שני זאגט די משנה: "הסתכל בשלשה דברים כו׳", ועד"ז זאגט די משנה (פ"י) בנוגע צו די חמשה תלמידים פון ר׳ יוחנן בן זכאי: "הם אמרו שלשה דברים". זעט מען דאך אומעטום די הדגשה אויף דעם ענין פון "שלשה דברים".

ועפי"ז איז ניט מובן ווי קומט דאס אז ריב"ז, וואס ער איז געווען דער רבי פון די חמשה תלמידים, זאל ער זאגן מערניס ווי איין זאך - "ריב"ז קבל מהלל ומשמאי, הוא הי׳ אומר, אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך כי לכך נוצרת" (מ"ח) - און ניט קיין "שלשה דברים"?

בדוחק וואלט מען געקענט זאגן אז ער זאגט טאקע "שלשה דברים": די ערשטע זאך איז די משנה הנ"ל "אם למדת תורה כו׳", דערנאך זאגט די משנה (מ"ט) "הוא הי׳ אומר אם יהיו כל חכמי ישראל בכף מאזנים, ואליעזר בן הורקנוס בכף שני׳, מכריע את כולם", וואס אין די משנה רעדט ער די מעלה פון "בור סוד שאינו מאבד טפה", וואס דאס איז געווען די מעלה פון ר׳ אליעזר בן הורקנוס, און דערנאך קומט די דריטע זאך וואס די משנה (מ"י) זאגט: "אמר להם צאו וראו איזו היא דרך טובה שידבק בה האדם כו׳", ועד"ז אין דעם קצה ההפכי: "איזו היא דרך רעה שיתרחק ממנה האדם". קומט דאך אויס אז ער האט אויך געזאגט "שלשה דברים".

ס׳איז אבער נאך ניט פארשטאנדיק בנוגע צו חלוקת המשניות: אין אלע משניות וואס מ׳רעכנט אויס "שלשה דברים", שטייען אלע "שלשה דברים" אין <u>איין</u> משנה, און דא וועט אויסקומען אז די "שלשה דברים" שטייען אין <u>דריי</u> באזונדערע משניות - וואס דער ענין פון חלוקה המשניות איז דאך נוגע להלכה (ראה לקו"ש ח"ד ע׳ 1175 הע׳ 1) - איז ניט מובן: אויב דאס זיינען טאקע די "שלשה דברים" וואס ריב"ז האט געזאגט, איז פארוואס שטייען זיי ניט אין <u>איין</u> משנה? וכפי שיתבאר לקמן.

כו. כאן המקום צו דערמאנען וועגן דעם וואס בר"ח אב איז געווען הסתלקות אהרן, ווי ס׳שטייט בפרשתנו (מסעי לג, לח) אז הסתלקות אהרן איז געווען "בחודש החמישי באחד לחודש".

וואס דער ענין ההסתלקות פון גדולי ישראל און תלמידי חכמים, איז דאך פארשטאנדיק ע"פ המבואר אין אגה"ק אין די אגרת תנחומין (סי׳ ז"ך), און מערער בארוכה אין דרושי ל"ג בעומר (סידור דם רע"ג. כז, ב), אז ביום ההסתלקות איז עולה כל עבודתו אשר עבד בהכלית העילוי, און דאס ווערט נמשך ונתגלה למטה.

און וויבאלד אז "הימים האלו נזכרים ונעשים" - כידוע תורת האריז"ל (לב דוד להחיד"א פכ"ט) בזה, אז דורך דעם "נזכרים" ווערט אויפגעטאן נאכאמאל דער "נעשים", איז דאך פארשטאנדיק אז בכל שנה ושנה ווען ס'קומט ר"ח אב, ווערט דעמולט אויפגעטאן נאכאמאל דער זעלבער ענין ווי ס'איז געווען בפעם הראשונה, און נאכמער דערפון, וויבאלד אז ס'איז דא דער ענין פון "מעלין בקודש" (ברכות כח, א. וש"נ).

ובפרט ווען ר"ח אב איז חל בשבת, וואס דער ענין השבת איז דאך אז דעמולט ווערט אויפגעטאן תכלית השלימות אין אלע ענינים, וואס דאס איז דער ענין פון "ויכולו" - דער ענין התענוג (אוה"ת בראשית מב, ב), און "חמדת ימים אותו קראת".

ביז אז דער ענין פון שבת פועל'ט אויף אזוי פיל אז ער זאגט אין ירושלמי (דמאי פ"ד ה"א) אז ע"ה אינו משקר בשבת, און "תורת אמת" זאגט אז מ'קען זיך פארלאזן אויף אים, אע"פ אז אין א רגע לפנ"ז האט מען זיך ניט געקענט פארלאזן אויף אים, וואס דערפאר איז דאך דא דער גאנצער ענין פון "דמאי", און לאחרי השבת זאגט מען אז ער איז חוזר לקדמותו (אז מ'קען זיך ניט פארלאזן אויף אים), און אעפ"כ, בשעת ס'קומט שבת זאגט "תורת אמת" אז דער ע"ה איז אינו משקר, אע"פ אז ער איז דער זעלבער ע"ה, און מ'נעמט ניט צו ביי אים דעם ענין הבחירה, אעפ"כ זאגט מען אז בשבת קען ער ניט זאגן א דבר שקר.

וואס דערפון זעט מען די מעלה פון דעם ענין השבת - איז דאך פארשטאנדיק אז בשעת ר"ח אב, יום ההסתלקות פון אהרן, איז חל בשבת, איז דאס בתכלית העילוי. וואס דאס איז ע"ד די הסתלקות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר ביו"ד שבט, וואס דאס איז אויך געווען בשבת.

וואס דער ענין השבת האט א שייכות מיוחדת צו ענינו של אהרן, ובפרט ענינו של אהרן איז דאך אז ער איז געווען "אוהב שלום ורודף שלום כו'" (אבות פ"א מי"ב) - וכידוע אז דער חילוק צווישן פנימיות התורה מיט נגלה דתורה איז ע"ד החילוק פון שבת וחול, וואס דער ענין פון פנימיות התורה (שבת) איז פארבונדן מיט דעם ענין השלום, ווארום "לית תמן לא קשיא כו' ולא מחלוקת כו'" (זח"ג קכד, ב), וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז דער ענין השבת האט א שייכות מיוחדת לענינו של אהרן.

כז. בנוגע צו דעם ענין געפינט מען א דבר פלא אין רמב"ם:

בכלל איז דאך דער דרך פון רמב"ם ניט אזוי ווי דער בעל הטורים, וואס ער ברענגט רמזים און גימטריאות וכו', משא"כ דער רמב"ם ברענגט ניט אזוינע ענינים, מערנים ווי הלכות פסוקות.

אבער אעפ"כ, בשעת דער רמב"ם רעדט וועגן דעם מנהג פון קריאת הלל - וואס דער סדר בזה איז געווען אז דער גדול פלעגט מקריא זיין דעם הלל, און אלע האבן געענטפערט הללוי-ה, וואס דאס איז געווען דערפאר וואס ס'זיינען געווען ע"ה וואס האבן ניט געקענט זאגן אליין הלל, וואס דערפאר האט מען מתקן געווען אז איינער זאל זאגן, און אלע זאלן ענטפערן הללוי-ה (סוכה לח, א ואילך. וראה פירש"י שם ד"ה ממנהגא) -

זאגט דער רמב"ם (הל' חנוכה פ"ג הי"ב): "הגדול שמקרא את ההלל מתחיל ואומר הללוי-ה וכל העם עונין הללוי-ה, וחוזר ואומר הללו עבדי ה' וכל העם עונין הללוי-ה . וכן על כל דבר, עד שנמצאו עונין בכל הלל הללוי-ה מאה ושלש ועשרים פעמים, סימן להם שנותיו של אהרן".

וואס דאס איז א דבר פלא אז דער רמב"ם זאל זאגן אז די קכ"ג פעמים

- וואס -

וואס מ'האט געגעפערט הללוי-ה איז דער סימן אויף דערויף "שנותיו של אהרן". וואָרום אפי' אויב מ'וועט זאגן אז דער רמב"ם האט געוואָלט זאגן דעם מספר וויפל מאל מ'האט געגעפערט הללוי-ה, כדי מ'זאל קענען וויסן וויפל מאל ס'האט מפסיק געווען אויף צו ענטפערן הללוי-ה - איז אבער ניט מובן צוליב וואס זאגט דער רמב"ם "סימן להם שנותיו של אהרן".

וואס דער בקיר אויף דערויף איז אין ירושלמי (שבת פט"ז ה"א), און אין מסכת סופרים (פט"ז הי"ב), און אין מדרש תהלים (עה"פ כב, ד). וואס דארטן איז ער מבאר די שייכות פון עניית הללוי-ה מיט שנותיו של אהרן, אז וויבאלד ס'שטייט "הללו א-ל בקדשו" (תהלים קנ, א), און אהרן ווערט אנגערופן "קדוש ה'" (שם קו, טז), דערפאר ענטפערט מען הללוי-ה כמנין שנותיו של אהרן, וואָרום ס'דארף זיין "הללו א-ל בקדשו".

איז נוסף לזה וואס דער ענין גופא איז נאך דורש ביאור - איז אבער א דבר פלא בםיוחד וואס דער רמב"ם זאגט "סימן להם שנותיו של אהרן", וואָרום ער ברענגט דאך ניט דעם ביאור הנ"ל.

עד"ז זעט מען נאך א דבר פלא - אז דער רמב"ם האט אריינגעשטעלט די הלכות וואס זיינען פארבונדן מיט אמירת הלל אין הל' מגילה וחנוכה דוקא, און ניט אין הל' יו"ט שלפנ"ז.

וואס בפשטות האט ער דאס געדארפט זאגן אין הל' יו"ט, וויבאלד אז בימים טובים זאגט מען הלל, און הל' יו"ט איז פאר הל' מגילה וחנוכה, וכידוע דער כלל אז דער רמב"ם פארלאזט זיך אויף א הלכה וואס ער האט געשריבן פריער, ער פארלאזט זיך אבער ניט אויף א הלכה וואס ער וועט שרייבן שפעטער. ובכילא קען מען דאך ניט זאגן אז דער רמב"ם שרייבט דאס ניט אין הל' יו"ט דערפאר וואס ער פארלאזט זיך אויף דעם וואס ער וועט דאס שרייבן דערנאך אין הל' מגילה וחנוכה - און אעפ"כ האט ער דאס אריינגעשטעלט אין הל' מגילה וחנוכה דוקא.

ועפ"י הנ"ל דענינו של אהרן הוא "אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה" - יובנו באופן דסימן ורמז גם ב' הדיוקים הנ"ל:

א) התקנה שהגדול מקרא את ההלל והעם עונין ה"ה בשביל ע"ה שאינם בקיאים בו, וזהו ענינו של אהרן "אוהב את הבריות ומקרבן לתורה".

ובמיוחד: שייכותו של אהרן לאמירת דוגמת הלל ע"י "כל העם" כמפורשה (שמיני ט, כד); וגם לזה שהגדול מקרא וכל העם עונין - שאהרן הי' גדול, ודכל בית ישראל (ופרש"י חוקת כ, כט: רודף שלום כו').

ב) בםיום הל' חנוכה: "כל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם", וזהו ענינו של אהרן "אוהב שלום כו' לתורה".

כח. כאמור לעיל אז ענינו של אהרן איז געווען "אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה". וואס דא זעט מען אויך דריי ענינים: "אוהב שלום", און "רודף שלום". און "אוהב את הבריות (און אן אופן אז) ומקרבן לתורה":

אדער לויט דעם צווייטן פי' (ראה כד"ת לאבות כאן) אז "ומקרבן לתורה" גייט אויך אויף "אוהב שלום ורודף שלום", וואָרום אהרן האט דאך [illegible] געווען שלום בין איש לאשתו ובין אדם לחבירו (הובא בפירש"י חקה כ, כט. פירש"י לאבות שם) [illegible] אויף [illegible] זאגט די משנה אז דער "שלום" איז [illegible] אן אופן פון "מקרבן לתורה". וואָרום ס'איז דא א שלום [illegible] אבל [illegible] - [illegible] אן אופן אז "מקרבן לתורה".

[illegible] "שלום" גופא איז אויך פארבונדן מיט דעם מספר
[illegible]

וואס הלל איז דאך געווען א נשיא בישראל, האט ער ארויסגעגעבן הוראו' ווי אזוי אידן דארפן זיך פירן - זאגט הלל "הוי מתלמידיו של אהרן", איז וואס באשטייט דער ענין פון "תלמידיו של אהרן", איז ער ממשיך: "אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה".

וואס אהרן האט דאך געהאט כו"כ ענינים, ולכאו' איז עיקר ענינו געווען דאס וואס ער איז געווען א כהן, משרת ה', און ער האט מקריב געווען קרבנות אין ביהמ"ק, ביז צו דעם ענין הכי נעלה - די עבודה פון יוהכ"פ אין קד"ק - אבער אעפ"כ זאגט די משנה אז "הוי מתלמידיו של אהרן" באשטייט ניט אין דעם ענין פון מקריב זיין קרבנות אין ביהמ"ק, אדער בזמן הזה - דורך דעם ענין פון תפלה, וואס "תפלות כנגד תמידין תקנום" (ברכות כו, ב) - נאר דער ענין פון "תלמידיו של אהרן" איז, "אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה".

וכאמור לעיל (בהמאמר) אז די עבודה פון אהרן איז געווען דער ענין פון "בהעלותך את הנרות", מעלה זיין אלע ז' סוגים פון נש"י (לקו"ת ר"פ בהעלותך), און פועל'ן אויף זיי ביז אין אן אופן "שתהא שלהבת עולה מאלי'".

און מ'זאגט אז מ'דארף זיך מתעסק זיין אפי' מיט "בריות", ד.ה. אז אפי' אויב ער שטייט אין א מעמד ומצב וואס ער האט ניט קיין שום מעלה, אויסער דעם ענין וואס ער איז "בריות" (ראה תניא פל"ב), אעפ"כ דארף זיין דער ענין פון "אוהב את הבריות ומקרבן לתורה".

וואס דער ענין פון "בריות" מיינט ניט דוקא אזא וואס האט ניט קיין מעלה, נאר אפי' אויב ער האט כו"כ מעלות - אבער וויבאלד אז ס'איז דא דער ציווי פון "מעלין בקודש", און קדושה איז דאך בל"ג, איז דאך פארשטאנדיק אז אין דאס פאר א מעמד ומצב ער זאל זיך נאר געפינען דארף ער גיין נאך העכער, ביז צו אן עלי' וואס איז באי"ע צו זיין פריערדיקער מעמד ומצב -

וואס לגבי די דרגא צו וועלכע ער דארף דערגרייכן, איז ער אין א מעמד ומצב פון "בריות", ווארום דאס איז א דרגא וואס איז שלא בערך צו אים. און אויף דערויף זאגט מען אז ס'דארף זיין דער ענין פון "אוהב את הבריות ומקרבן לתורה".

וואס דאס איז דער כללות הענין פון די מבצעים: אנהויבנדיק פון מבצע אהבת ישראל, און וויבאלד אז דאס איז פארבונדן מיט "בריות", איז מובן אז ס'דארף זיין אויך מבצע חינוך, ובפרט בש.ז. וואס דאס איז דאך "שנת חינוך", במילא דארף מען טאן אין מבצע חינוך נאכמער ווי אלעמאל,

ועד"ז שאר המבצעים: מבצע תורה, מבצע תפילין, מבצע מזוזה, מבצע צדקה, מבצע בית מלא ספרים - יבנה וחכמי', מבצע נרות שבת קודש, מבצע כשרות האכו"ש, און מבצע טהרת המשפחה.

און וויבאלד אז מ'געפינט זיך אין דעם זמן פון "בין המצרים", איז נאכמער נוגע דער ענין פון מבצע אהבת ישראל, ווארום סיבת הגלות איז דאך געווען צוליב דעם וואס איז געווען היפך הענין פון אהבת ישראל (יומא ט, ב) - איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז מ'דארף מוסיף זיין במיוחד אין דעם ענין פון מבצע אהבת ישראל, ווארום דורך דעם איז מען מבטל סיבת הגלות.

ויה"ר אז מ'זאל זוכה זיין צו די ברכה - וואס מ'איז רגיל בענטשן אין ארץ הקודש - אז "יראה כהן בציון", אז מ'זאל זוכה זיין צו זעהן כהנים בעבודתם אין ביהמ"ק השלישי, בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

* * *

ל. דער ביאור אין פידש"י:

רש"י טייטשט אפ אז "לכם" מיינט "בשבילכם", ד.ה. אז דאס וואס דער

- נשיא -

דאס איז וואס עס שטייט[231] "נחית כצאן עמך ביד משה ואהרן", במהרה בימינו ממש, ובשמחה ובטוב לבב.

* * *

ס. דער שבת, שבת פ' מסעי, איז ר"ח מנחם אב, כמדובר לעיל. וואס אין פ' מסעי ווערט דערמאנט בפירוש דער טאג פון ר"ח אב - "בחודש החמישי באחד לחודש" איז געווען הסתלקות אהרן[232], "ואהרן בן שלש ועשרים ומאת שנה במותו בהר ההר"[233].

וואס אויך דערפון דארף מען ארויסנעמען א הוראה אין עבודה, כידוע וואס דער בעש"ט זאגט[234] אז יעדער זאך איז בתכלית הדיוק - איז אויך דאס וואס מ'דערציילט אז הסתלקות אהרן איז געווען בר"ח מנחם אב, און אז ער איז דעמולט געווען אלט קכ"ג שנה - בדיוק, און אין דעם איז דא א הוראה לכאו"א.

די הוראה דערפון:

דער אלטער רבי איז מבאר אין אגה"ק[235] אז בשעת הפטירה שטייט "כל עמל האדם שעמלה נפשו בחייו" בגלוי.

וואס "כל עמל כו' שעמלה נפשו" פון אהרן הכהן איז דאך כולל אין זיך א דיבוי ענינים - אעפ"כ זאגט די משנה[236] אז אין וואס באשטייט זייך "מתלמידיו של <u>אהרן</u>" - "אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה",

במילא ווען עס קומט ר"ח מנחם אב בכל שנה ושנה ווען "כל עמל כו' שעמלה נפשו" פון אהרן הכהן שטייט בגלוי - איז דא די הוראה לכאו"א אז ער זאל זייך "מתלמידיו של אהרן", דורך טאן אין "אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה" - דורך טאן אין דעם ענין פון אהבת ישראל, כמבואר אין פרק לב פון תניא.

און דורך דעם איז מען אויך מבטל דעם גלות וואס איז געקומען מצד הפכו פון אהבת ישראל - שנאת חנם.

סא. ע"פ תורת הבעש"ט הנ"ל אז יעדער זאך איז בתכלית הדיוק - דארף ענינו של אהרן, אהבת ישראל, וואס שטייט בגלוי ביום הסתלקותו, ר"ח מנחם אב, זיין פארבונדן אויך מיט דעם מספר שנותיו של אהרן כו' וואס דער פסוק דערמאנט בפירוש מספר שנותיו של אהרן "ואהרן בן שלש ועשרים ומאה שנה במותו בהר ההר" -

- געפינט -

---

231) תהלים עז, כא. 232) לג, לח. 233) שם, לט.
234) כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות קכז-קכט. וש"נ. 235) סכ"ח (קמח, א). 236) אבות פ"א מי"ב.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

געפינט מען דאס טאקע אין רמב"ם, ניט אין מורה נבוכים, נאר אין ספר הלכות שלו:

אין הל' חנוכה[237] וואו דער רמב"ם רעדט וועגן אמירת הלל שרייבט ער: "מנהג קריאת ההלל בימי חכמים הראשונים כך הי', אחר שמברך הגדול שמקרא את ההלל, מתחיל ואומר הללוי' וכל העם עונין וחוזר ואומר הללו עבדי ה' וכל העם עונין הללוי' וחוזר ואומר הללו את שם ה' וכל העם עונין הללוי' וחוזר ואומר יהי שם ה' מבורך מעתה ועד עולם וכל העם עונין הללוי' וכן על כל דבר, עד שנמצאו עונין בכל ההלל הללוי' מאה ושלש ועשרים פעמים, סימן להם שנותיו של אהרן"

וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: דער רמב"ם שרייבט בהקדמתו לספר היד אז דער ספר איז "הלכות הלכות" - איז וואס איז נוגע אין א ספר של הלכה דער מספר פעמים וויפל מ'האט געזאגט "הללוי'", "מאה ושלש ועשרים פעמים", און אז "סימן להם שנותיו של אהרן"?!

בשלמא אין ירושלמי[238], אין מס' סופרים[239] און אין מדרש תהלים[240], פון וואנעט דער רמב"ם נעמט דאס - קען מען זאגן אז וויבאלד זיי זיינען ניט נאר לימוד ע"ד הלכה נאר אויך לימוד ע"ד הרמז הדרוש והסוד - דערפאר שטייט דאס דארטן; אבער אין רמב"ם וואס איז נאר "הלכות הלכות" איז ניט פארשטאנדיק פארוואס ער שרייבט דאס?

בנוגע צו דעם עצם סך-הכל אז מ'האט געזאגט "הללוי'" "מאה ושלש ועשרים פעמים" - קען מען ענטפערן בדוחק אז דאס איז נוגע להלכה: טאמער ביי אים איז דא א ספק צי ער זאל ענטפערן "הללוי'" און ער ווייסט אז ער האט שוין געענטפערט "הללוי'" קכ"ב פעמים, איז וויבאלד אז ער ווייסט אז דער סך-הכל פון ענטפערן "הללוי'" איז "מאה ושלש ועשרים פעמים" - דארף ער אויך דעם מאל ענטפערן; אדער אויב ער האט שוין געענטפערט קכ"ג פעמים און ביי אים איז א ספק צי ער זאל ענטפערן נאכאמאל - דארף ער ניט ענטפערן וויבאלד אז מ'דארף ענטפערן נאר "מאה ושלש ועשרים פעמים", ניט קכ"ד פעמים.

אבער וואס איז נוגע אין הלכה דער סימן וואס דער רמב"ם גיט דערצו - "סימן להם שנותיו של אהרן"?

סב. איז דער ביאור בזה ובהקדים:

- דער -

---

237) פ"ג, הי"ב. 238) שבת פט"ז ה"א. (מו, א).
239) פט"ז הי"ב. 240) כב, יט.

דער רמב"ם שרייבט אין סוף הל׳ מקוואות, אז בשעת ער איז טובל מטומאת המת דארף ער מכוון זיין "לבו לטהר נפשו מטומאות הנפשות שהן מחשבות האון ודעות הרעות כו׳ והביא נפשו במי הדעת טהור".

[ועד"ז שרייבט ער אויך אין סוף הל׳ תמורה, אז א איד דארף אלעמאל צוגעבן א חומש צו דעם וואס ער גיט אפ לקודש וכו׳ - ווארום "ירדה תורה לסוף מחשבת האדם וקצת יצרו הרע שטבע של אדם נוטה להרבות קנינו ולחוס על ממונו ואע"פ שנדר והקדיש אפשר שחזר בו וניחם ויפדה בפחות משוויו אמרה תורה אם פדה לעצמו יוסיף חומש כו׳ וכל אלו הדברים כדי לכוף את יצרו ולת דעותיו כו׳"].

וואס לכאורה: דער רמב"ם בספרו קומט שרייבן "הלכות הלכות", און ער שרייבט ניט קיין טעמי הלכות וכיו"ב - איז פארוואס שרייבט ער דעם ענין הנ"ל אין הל׳ מקוואות [און אין הל׳ תמורה]?

איז דער ביאור בזה - אז דאס וואס ער שרייבט איז נוגע להלכה:

דער גאנצער ענין פון טהרה וואס ווערט ע"י טבילה במקוה איז דאך בכדי א איד וואס איז געווען טמא זאל קענען צוריק פארבונדן ווערן מיט דעם אויבערשטן, קענען אריינגיין אין מקדש ה׳.

דערפון איז מובן אז בכדי זיין טהור בשלימות - טארן בא דעם מענטשן ניט בלייבן קיינע ענינים וואס זיינען בסתירה צו זיין פארבונדן מיטן אויבערשטן

וע"ד מארז"ל[241] אז "הטובל ושרץ בידו" ווערט ניט טהור,

וואס דאס איז כולל אויך - עפעס ניט טהור במחשבה ודעת שלו,

דעדיבעד זאגט דער רמב"ם, אלס א הלכה, אז בכדי זיין טהור און קענען אריינגיין אין מקדש ה׳ און זיין פארבונדן מיט דעם אויבערשטן - דארף ער מכוין זיין לבו "לטהר נפשו מטומאות הנפשות שהן מחשבות האון ודעות הרעות כו׳ והביא נפשו במי הדעת טהור".

וע"ד ווי דער ענין פון "שב מידיעתו"[242] - אז אע"פ וואס ער ברענגט א קרבן איז אבער אויב עס פעלט אין "שב מידיעתו" - פעלט אין דער שלימות הכפרה,

- ועד"ז -

---

241) רמב"ם הל׳ תשובה פ"ב ה"ג. וראה תענית טז, א.
242) שבת סט, א. וש"נ.

עד"ז בנדו"ד, אז בכדי עס זאל זיין די טהרה בשלימותה דארף זיין "הביא נפשו במי הדעת טהור".

סג. ועפ"ז וועט מען אויך פארשטיין בעניננו:

דער טעם פארוואס מ'איז עונה "הללוי'" נאך יעדער חלק פון הלל וואס דער "גדול שמקרא את ההלל" זאגט, איז - דערפאר וואס "השומע כעונה"[243], ד.ה. אז דורך דערויף וואס די שומעים זיינען עונה "הללוי'" אויף דעם וואס דער "גדול שמקרא את ההלל" זאגט - איז דאס אזוי ווי זיי אליין האבן דאס געזאגט.

וואס לכאורה איז דאס ניט פארשטאנדיק: היתכן אז דורך דעם וואס מ'איז עונה בלויז איין ווארט, "הללוי'" איז נחשב כאילו ווי מ'וואלט געזאגט דעם גאנצן הלל? אפילו אז מ'איז עונה "הללוי'" קכ"ג פעמים - מיט וואס ווערט נחשב כאילו ווי מ'וואלט געזאגט גאנץ הלל?

דעריבער איז דער רמב"ם ממשיך און זאגט "סימן להם (צו די קכ"ג מאל וואס מ'ענטפערט "הללוי'") שנותיו של אהרן": דערמיט איז דער רמב"ם מסביר ווי עס קען זיין אז עס זאל פאררעכנט ווערן ווי מ'האט געזאגט גאנץ הלל - אז דאס איז דערפאר וואס עס איז דא א התקשרות און פארבונד צווישן דעם קורא ההלל מיט די עונים - וואס דאס ווערט אויפגעטאן דורך ענינו של אהרן, דער ענין פון "אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות כו'", בשעת ס'איז דא דער ענין פון אהבה ביניהם זיינען זיי פארבונדן צוזאמן און די אמירה פון דעם מקרא ההלל ווערט נחשב ווי אלע האבן דאס געזאגט.

בדוגמת המבואר אין זהר[244] אז ברכת כהנים דארף זיין "באהבה" דער ענין פון אהבה פון די כהנים צו דעם עם, און אויב עס פעלט עפעס אין אהבה ביי א כהן טאר ער ניט מברך זיין.

סד. מ'דארף נאך אבער פארשטיין:

דעם ענין פון "שומע כעונה" האט דער רמב"ם שוין פריער געשריבן אין הל' ברכות[245] - איז אויב דער רמב"ם וויל מסביר זיין פארוואס "השומע כעונה" אז דאס ווערט אויפגעטאן דורך אחדות און אהבת ישראל (ענינו של אהרן) האט ער דאס געדארפט שרייבן אין הל' ברכות?

וכידוע דער כלל אין רמב"ם[246], אז דער רמב"ם פארלאזט

- זיך -

---

243) סוכה לח, ב. 244) ח"ג קמז, ב. 245) פ"א הי"א.
246) יד מלאכי כללי הרמב"ם כו' אות ו.

הנחת הת' בלתי מוגה

זיך ניט אויף דעם וואס ער וועט שרייבן שפעטער, נאר אויף דעם וואס ער האט פריער געשריבן - קען מען ניט זאגן אז ער האט דאס ניט געשריבן אין הל' ברכות פארלאזנדיק זיך אויף דעם וואס ער וועט שרייבן ווייטער אין הל' חנוכה [משא"כ אין ירושלמי און מס' סופרים און מדרש תהלים, וואס דארטן איז ניטא אזא כלל, ווארום אין סדר למסכתות וכו'[247] - קען מען דאס יע זאגן].

סה. דער ביאור בזה:

אין הל' חנוכה רעדט זיך וועגן דעם ענין פון אמירת הלל, וואס אין אמירת הלל זיינען דא צוויי ענינים:

א) אמירת הלל איז בשעת איינער איז בשמחה גלוי' פון א זאך וואס טרעפט בגלוי, משא"כ "הקורא הלל בכל יום" איז דאס אן ענין בלתי רצוי, דערפאר וואס דאס איז ניט אויף א דבר גלוי.

ב) בשעת דער אדם איז בשמחה גלוי' פון א זאך וואס איז געטראפן בגלוי - מוז ער זאגן הלל, און ווי פארשטאנדיק פון דעם וואס די גמרא דערציילט אין סנהדרין[247*] אז "ביקש ה' לעשות חזקיהו משיח", אבער וויבאלד אז ער האט ניט געזאגט שירה והלל אויף די נסים וואס זיינען געטראפן איז ער ניט געווארן משיח, און צוליב דעם שטעקט מען אין גלות עד היום הזה!

וואס דעריבער, בשעת מ'רעדט וועגן אמירת הלל וואס איז דוקא בשעת דער אדם איז בשמחה גלוי' פון א זאך וואס האט געטראפן בגלוי - מאנט זיך הסבר בגלוי פארוואס עס ווערט נחשב ווי ער זאגט גאנץ הלל בשעת ער איז בלויז עונה "הללוי'" - ווארום: לכאורה טוט דער שומע גארניט, ער ענטפערט נאר "הללוי'" - איז ווי קען מען זאגן אז דאס איז נחשב ווי ער זאגט הלל.

דעריבער איז דער רמב"ם מדגיש בגלוי אין הל' חנוכה וואו עס רעדט זיך וועגן אמירת הלל, "סימן להם שנותיו של אהרן" אז דאס איז מצד דעם ענין פון אהבה, ענינו של אהרן:

משא"כ אין הל' ברכות, וואו עס רעדט זיך וועגן ברכות סתם וואס זיינען ניט דוקא אויף א דבר גלוי, און דארטן איז נוגע כוונה און כוונה לכוונה, איז מצד די כוונות זיינע איז "שומע כעונה" (ניט ווי בא הלל וואו ס'איז ניט גענוג כוונות, נאר דאס דארף זיין דוקא אויף א שמחה גלוי' אויף א דבר גלוי).

- סו. -

---

247) דאה ב"ק קב, א. *247) צד, א.

סו. ענין הנ"ל בנוגע צו אמירת הלל איז דאך אויך פארבונדן מיט היינטיקן טאג, ר"ח מנחם אב, וואס מ'האט היינט ביי־טאג געזאגט הלל.

ואע"פ אז בר"ח זאגט מען נאר חצי הלל, און דאס איז בלויז א מנהג[248] איז דאך אבער אין א מנהג ישראל דא נאך א העכערער עילוי ווי אין אמירת הלל ע"פ דין - כמבואר אין לקו"ת[249] בנוגע צו הקפות, אז ס'איז דא דער ענין פון ניסוך המים וואס איז נאר מדרבנן, אבער "חביבים דברי סופרים מדברי תורה"[250], און דערפאר איז אין דעם דא נאך א העכערער עילוי ווי ניסוך היין וואס איז ע"פ תורה, אז דוקא אויף ניסוך המים זאגט מען "ושאבתם מים בששון"[251]; און נאך העכער איז די שמחה וואס איז דא בא הקפות, וואדרום דאס איז אפילו ניט מדרבנן, ס'איז נאר א מנהג ישראל.

סז. ויה"ר אז פון דעם הלל וואס מ'זאגט בר"ח ובפרט ע"פ מנהג חסידים אז מ'כאפט אריין אויך די ברכה בחשאי - זאל מען צוקומען צו דער "שירה העשירית" וואס וועט זיין לע"ל[252], וואס זי וועט זיין א "שיר חדש"[253] - דער הלל הגדול און "שיר חדש" בביאת משיח צדקנו, וואס הוא יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, אין אן אופן פון "נאו"

בטוב הנראה והנגלה, "ושמחת עולם על ראשם", און יהפכו ימים אלו "לששון ולשמחה ולמועדים טובים",

בקרוב ממש.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

און נאכאמאל איבער'חזר'ן בנוגע צו לערנען דעם חלק אין תורה וואס רעדט וועגן "צורת הבית גו' ומוצאיו ומובאיו גו'"[254] און אין די נייען טעג - מאכן בכל יום סיומים אויף מסכתות אין ש"ס, און טאן דאס סיי בנוגע צו זיך און אויך - באופן דתלמוד תורה ברבים, בכדי דערמיט מזכה זיין אויך אנדערע אידן.

און דורך דעם, און דורך תומ"צ בכלל, וועט מען זוכה זיין צו דעם "סיום" פון גלות, און יהפכו ימים אלו "לששון ולשמחה ולמועדים טובים".

---

248) תענית כח, ב. 249) סוכות פ, ג. וראה סידור דסט,ב.
250) ירושלמי ברכות פ"א ה"ד. 251) ישעי' יב, ג.
252) מכילתא עה"פ בשלח טו, א. תרגום עה"פ שה"ש א, א. וראה אוה"ת שם. 253) מכילתא הובאה בתוד"ה ונאמר - פסחים קטז, ב.
254) יחזקאל מג, יא.